**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/29/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול מעלדט ניו יארק סטעיט טרופער ראבערט סטאוויצקי אלץ אנטפאנגער פון די סטעיט'ס פאליציי אפיציר מעדאל פון העלדישקייט**

***טרופער סטאוויצקי באקומט ניו יארק סטעיט'ס העכסטע באהערונג פאר זיין זעלבסטלאזיגקייט און בראווקייט***

***ליטענאנט גאווערנער אנטאניאו דעלגאדאו פרעזענטירט די אויסצייכענונג אין נאמען פון גאווערנער האוקל ביי א צערעמאניע אין סיראסוס***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן אז ניו יארק סטעיט טרופער ראבערט פ. סטאוויצקי איז די ענהאלטער פון די סטעיט'ס פאליציי אפיציר מעדאל פון העלדישקייט פאר דעמאנסטרירן אויסערגעוויינליכע קאראזש און בראווקייט ווען ער איז אריין געלאפן אין א ברענעדיגע הויז אין גרענבי, אסוועגא קאונטי, צו ראטעווען א 13 יעריגע אינגל. ביים אנקומען צום צענע מיט טרופער אלעק ר. נעלסאן, איז ער געלאפן צום הויז און געזעהן דעם קינד קינד צאמגעפאלן און באוויסטלאז אויפן ערד אינעווייניג. אן צעגערן, טרופער סטאוויצקי איז געלאפן דורך די פלאקערדיגע פלאמען, געכאפט דאס קינד און געשלעפט צו זיכערהייט, און אדמיניסטירט ערשטע הילף און ריסוסיטאציע. די אינגל האט געלעבט ווען ער איז אנגעקומען צום שפיטאל אבער איז שפעטער געשטארבן פון זיינע וואונדען.

"אן אפילו איין שטיקל פון פייער זיכערהייט קליידונג, טרופער סטאוויצקי איז אריין געלאפן אין א ברענעדיגע גיהנום צו ראטעווען די לעבן פון א פרעמדער'ס קינד" **האט גאווערנער האוקל געזאגט**. "אין א טראגישע פאטאלע סיטואציע, טרופער סטאוויצקי האט זעלבסטלאז געלייגט די לעבן פון די קינד פאר זיין אייגענע, טוהענדיג אלץ מעגליך זיך צו שלאגן פארן קינד'ס לעבן. די בראווקייט פון זיינע אקציעס יענעם טאג זענען האמבלינג, און ער איז ווירקליך ווערד רעקאגניציע, דאנקבארקייט, און די העכסטע אויסצייכענונג איך קען באשענקען א פאליציי אפיציר אין דעם סטעיט".

"טרופער סטאוויצקי האט געוויזן אויסערגעוויינליכע אקציעס פון בראווקייט און זעלבסטלאזיגקייט, ארויסברענגענדיג די סאמע בעסטע אינסטינקטן און מעשים פון אונזער געזעץ איינפארסירונג פערסאנעל," **האט געזאגט ליטענאנט גאווערנער דעלגאדא.** "איך קאמענדיר אים פאר זיין סערוויס, זעלבסטלאזיגקייט און דעדיקאציע פאר ניו יארקער, געבענדינג אנטווארט אויף די טינקעלסטע טעג. היינט טוהן אונז באהערן טרופער סטאוויצקי און זיין פארפליכטונג פאר אנדערע."

ליטענאנט גאווערנער דעלגאדא האט פרעזענטירט דעם פאליציי אפיציר מעדאל פון העלדישקייט, אויך באקאנט אלץ דעם גאווערנער'ס פאליציי אפיציר פונעם יאר אויסצייכענונג, צו טרופער סטאוויצקי אין נאמען פון גאווערנער האקול ביי א צערעמאניע היינט צופרי ביים סיראסוס קאמפוס פון סאני אסוועגא. מיטגלידער פון טרופער סטאוויצקי'ס משפחה און סטעיט פאליציי קאלעגעס האבן זיך באטייליגט ביים

צערעמאניע, צוזאמען מיט לאקאלע און סטעיט ערוויילטע אפישעלס און געזעץ אינפארסירונג פראפעסענאלן פונעם ראיאן.

**ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון קרימינאלע גערעכטיגקייט סערוויסעס קאמישענער ראסאנא ראסאדאו האט געזאגט**, "טרופער סטאוויצקי'ס שנעלע טראכטן און געשווינדע אקציעס אינעם פנים פון גרויס געפאר האט געוויזן אויסערגעווענליכע העלדישקייט. עס איז מיר אן עהרע אים צו אנערקענען פאר זיין זעלבסטלאזיגע סערוויס, וואס טוט ריפלעקטירן די בעסטע קוואליטעטען פון ניו יארק'ס געזעץ אינפארסירונג קאמיוניטי. איך דאנק אים, זיינע קאלעגע טרופערס, און פאליציי אפיצירן דורכאויס דעם סטעיט פאר די ארבעט זיי טוהן יעדן טאג צו העלפן האלטן אונזער קאמיוניטיס פארזיכערט."

**ניו יארק סטעיט אקטירענדער סופעראינטענדענט סטיווען ג. דשעימס האט געזאגט**, "היינט טוהן אונז באהערן די העלדישע אקט פון טרופער סטאוויצקי און זיינע הערואישע עפארטן אויף דעצעמבער 15, 2021. צו זאגן אז די סיטואציע איז געווען א געפאר איז אינטערגעטריבן. טראץ אלע פערזענליכע ריזיקעס, טרופער סטאוויצקי האט געוויזן אויסערגעווענליכע זעלבסטלאזיגקייט אין א פרווו צו ראטעווען א קינד'ס לעבן. איך טוה אויסדריקן מיין דאנקבארקייט און קאנגראטולאציעס צו טרופער סטאוויצקי פאר זיין אויסערגעווענליכע סערוויס און אויסערארדינטליכער אויספירונג פון פליכט צו די בירגער פון ניו יארק."

טרופער סטאוויצקי, 26, איז געווארן באשטימט צו טרופ די/פולטאן זינט ער איז אריינגעקומען אינעם סטעיט פאליציי אין סעפטעמבער 2019. די רעטונג אויף וואס ער איז געווארן אנערקענט איז פארגעקומען אין די פריע מארגן שעות אויף דעצעמבער 15, 2021. טרופער סטאוויצקי איז די עלעפטער מיטגליד פונעם סטעיט פאליציי צו קריגן דעם מעדאל פון העלדישקייט/ גאווערנער'ס פאליציי אפיציר פונעם יאר אויסצייכענונג. ער האט אויך באקומען דעם בראמער אויסצייכענונג, וואס איז ניו יארק סטעיט פאליציי'ס העכסטע אויסצייכענונג פאר העלדישקייט, פאר זיינע אקציעס יענעם טאג.

די ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון קרימינאלע גערעכטיגקייט סערוויסעס קאארדינירט די ארבעט פון די פאליציי אפיציר פונעם יאר אויסצייכענונג אויסוואהל קאמיטע, מיטגלידער דערפון רעפריזענטירן געזעץ אינפארסירונג אגענטורען און פאליציי יוניאן פירערשאפט. פיר אנדערע פאליציי דיפארטמענטס האבן נאמינירט די סומע פון אכט אינדיווידועלן פאר די 2021 אויסצייכענונג. אלע נאמינרטע באקומען א סערטיפיקאט פון אויסערגעווענליכע העלדישקייט פון גאווערנער האוקל.

זייט איר גרינדונג אין 1984, די מעדאל פון העלדישקייט, גאווערנער'ס פאליציי אפיציר פונעם יאר אויסצייכענונג איז שוין געשאנקען געווארן צו 123 אפיצירן פון 21 אנדערע אגענטורן.יו יארק סטעיט דיוויזיע פון קרימינאלע גערעכטיגקייט סערוויסעס וועט אנערקענען די 2022 אנטהאלטער פון די אויסצייכענונג דעם פרילינג.

**איבער די דיוויזיע פון קרימינאלע יוסטיץ סערוויסעס**

די יו יארק סטעיט דיוויזיע פון קרימינאלע גערעכטיגקייט סערוויסעס איז א מערערע-פונקציע קרימינאלע יוסטיץ שטיצע אגענטור מיט א מערהייט פון פאראנטווארטליכקייטן, אריינגערעכנט געזעץ איינפארסירער טרענירונג; זאמלונג און אנאליז פון פארברעכן אינפארמאציע איבער'ן סטעיט; אנהאלטונג פון קרימינאלע היסטאריע אינפארמאציע און פינגער אפדרוק פיילס; אדמיניסטראטיווע איבערזיכט פון די סטעיט'ס DNA אנפארמאציע באנק, אינאיינעם מיט די ניו יארק סטעיט פאליציי; געלט און איבערזיכט פון פראובעישין און קאמיוניטי פאררעכטונג פראגראמען; אדמיניסטראציע פון פעדעראלע און סטעיט קרימינאלע יוסטיץ געלטער; שטיצע פון קרימינאלע יוסטיץ-פארבינדענע אגענטורן איבער די סטעיט; און אדמיניסטראציע פון די סטעיט'ס געשלעכט פארלעצער רעגיסטרי. פאלגט נאך די דיוויזיע אויף טוויטער, Facebook און אינסטאגראם.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן